# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

חג הסוכות תשפ"ד שנה י | גליון מס' 502

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## אמן אין לויף פון די יארגאנג

חג הסוכות

### די מצוה פון סוכה איז 'קלה' אזוי ווי אמן

**די פאלגנדע ארטיקל וואס ערקלערט דעם קשר צווישן די מצוות סוכה און ענטפערן אמן, איז געשריבן אין ליכט פון די ווערטער פון רבי צבי הירש הורוויץ, דער ממלא מקום פון זיין פאטער רבי פנחס הורוויץ בעל ה'הפלאה' אין די רבנות פון פראנקפורט דמיין, אין זיין ספר 'לחמי תודה' (אויפנבאך תקע"ו, דף רי ע"ב):**

אין מסכת עבודה זרה (דף ג א) רופן אן די חכמים מצות סוכה א 'מצוה קלה' ווייל עס האט נישט קיין חסרון כיס. לכאורה דארף מען פארשטיין: אפילו עס איז מעגליך צו מקיים זיין אן עס זאל קאסטן געלט, אבער דאס אויפשטעלן איז פארבינדן מיט א גרויסע מיה און פלאג, איז ווי אזוי האט מען עס אנגערופן: 'מצוה קלה'?

נאר, אין מסכת נזיר (דף סו ב) זאגן די חכמים "גדול העונה אמן יותר מן המברך". און זיי האבן צושטעלט זאגן א ברכה צו פשוטע זעלנער וואס גייען ארויס באקעמפן דעם שונא אין אנהויב מלחמה, און ענטפערן אמן צו די העלדישע זעלנער וואס גייען ארויס שפעטער און זיי באזיגן אינגאנצן דעם שונא. ערקלערט דער מהרש"א (ח"א שם) אז דאס איז נישט סתם א משל, נאר א פונקליכע אילוסטראציע פון וואס עס קומט פאר ווען מען זאגט א ברכה און מען ענטפערט אמן. ווייל חז"ל זאגן (פסחים קיח א): "קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף". די שפייז פון א מענטש קומט אים אן מיט גרויס שוועריקייט צוליב די מקטרגים וואס שטעלן זיך אוועק אקעגן, און דורך זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין באשאפט דער מענטש מלאכי רחמים וואס קעמפן פאר אים אקעגן די מקטרגים, אבער ביים ענטפערן 'אמן' ווערן באשאפן שטארקע מלאכים צו געווינען די מלחמה אקעגן די מקטרגים וואס זיי זענען די מלאכי משחית".

די סיבה פארוואס דער נצחון אקעגן די מקטרגים איז דוקא דורך ענטפערן אמן, איז ווייל די גימטריה פון אמן איז צ"א אזוי ווי די גימטריה פון די צוויי שמות הק' הוי"ה און אדנ"י אינאיינעם (ראה 'בעל הטורים' דברים כז ו). דער שם הוי"ה וואס איז מרומז אין אמן איז א רמז אויף מידת הרחמים וואס איז ממתיק די מידת הדין וואס די מקטרגים טוהן ערוועקן, און דערפאר איז גרעסער די כח פון אמן צו קענען משפיע זיין ברכה פארן מענטש, מער פון די ברכה וואו עס ווערט דערמאנט אין דעם נאר די שם אדנ"י.

דער זאך איז מרומז אין פסוק (תהלים קמה טז): "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון"; די ראשי תיבות "פותח את ידך" זענען גימטריה 'אמן', אונז צו לערנען אז דורך ענטפערן אמן ווערן נמתק די דינים און עס קומט אראפ א שפע פון פרנסה אויף דער וועלט.

מיט דעם וועלן מיר פארשטיין פארוואס סוכה ווערט אנגערופן 'מצוה קלה', ווייל אזוי ווי 'אמן' איז אויך די 'סוכה' בגימטריה צ"א, און דערפאר אנדערשט פון אנדערע מצוות וואס די מקטרגים פרובירן אפהאלטן פון זיי מקיים זיין, איז די נאמען פון מצות סוכה מבטל די מקטרגים, וועגן דעם דער וואס האט אינזין די כוונה בשעת'ן מקיים זיין די מצוה, איז עס אים גרינג צו מקיים זיין. דאס איז אויך מרומז אין די לשון הגמרא (שם): 'מצוה קלה יש לי וסוכה שמה", די נאמען פון די מצוה פון סוכה, איז גורם עס זאל ווערן א 'מצוה קלה'.

מיט דעם וועלן מיר פארשטיין וואס די חכמים זאגן (שם) אז לעתיד לבוא ווען די אומות העולם וועלן קומען זאגן אז זיי ווילן אויך מקבל זיין אויף זיך די עול התורה, וועט זיי הקב"ה געבן פריער די מצוה פון סוכה, און טראץ עס איז א "מצוה קלה" וועלן זיי שטויסן די סוכה; ווייל ווי געזאגט, דאס וואס ברענגט צו עס זאל זיין א "מצוה קלה" איז צוליב די שמות הקדושים וואס זענען מרומז אין איר, אבער דער ענין איז נאר שייך ביי אידישע קינדער, און נישט ביי די אומות העולם וואס ווייסן נישט די כוונות פון די שמות הק', אזוי ווי עס שטייט (שמות ו ג): "ושמי ה' לא נודעתי להם".

•

האדמו"ר **רבי שלמה מבאבוב** פלעגט צולייגן און זאגן אז אויך דער פסוק (תהילים לד ט): "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה' אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר **יֶחֱסֶה בּוֹ**" איז אויף דעם מרמז; די ווערטער "יֶחֱסֶה בּוֹ" זענען גימטריה צ"א. אונז צו לערנען אז ווען מען זיצט אין סוכה און מען באשיצט זיך אונטער די שאטן פונעם אויבערשטן, זאל מען מייחד די שמות הקדושים וואס די נאמען 'סוכה' איז מרמז אויף זיי ('פרי הכרם' עמ' ג).

עס ווערט דערציילט אויף גרויסע צדיקים למשל **רבי נפתלי ראפשיצער** און דער **'דברי חיים' פון צאנז** וואס האבן מקפיד געווען אנצינדן אין זייער סוכה 91 ליכט. און אזוי ווערט דערציילט אויפן **'דברי יואל' פון סאטמאר** וואס האט באפוילן אויפהענגען אין זיין סוכה 91 לעמפלעך אלס א רמז אויף די יחוד וואס איז מרומז אין דעם נאמען פון יו"ט ('מילין יקירין' תהילים לד ט; מחזור 'דברי יואל' מנהגי קודש אות ג).

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### בל תהי מצות אמן קלה בעיניך

זיצן אונטער די שאטן פון די סוכה ווערט אנגערופן אין זוהר הקדוש (אמור קג א) "בצילא דמהימנותא" [אין די שאטן פון אמונה], און נישט אומזינסט, ווייל ווען דער מענטש גייט ארויס פון זיין קביעות'דיגן וואוינארט אין גייט אריין אין א צייטווייליגע דירה, ווייזט דער מענטש, אז ער פארלאזט זיך נישט אויף זיין פארמעגן, נאר אויף די השגחה פונעם באשעפער.

די פאקט ערקלערט ריכטיג דעם טיפן קשר צווישן מצות סוכה און די יסוד האמונה - דאס איז די מצוה פון אמן, און ווי דאס שפיגלט זיך אין דעם וואס 'סוכה' איז גימטריה 'אמן'.

מיט אט די פאלגנדע ווערטער הייבט אן דער 'ערוך לנר' זיין ספר 'בכורי יעקב' (על הלכות סוכה ולולב): "**ישמחו הישרים ויגילו האשורים, אף דלי נחלת ישראל, בחג הקדוש הזה הנקרא 'יום שמחתנו' ושמחתו מכופלת. ויזהרו מאוד לקיים מצות סוכה שמספר** [די צאל] **שמה צ"א, כמספר שני שמות הקדושים** [הוי"ה און אדנ"י] **שכוללם** [זענען בגימטריה] **אמן. וקדושתה מכופלת והמקיימה כהלכתה יכפלו שכרו מן השמים**".

דאס אז 'סוכה' איז בגימטריה 'אמן' ווערט געברענגט אין אסאך ספרים, דערפאר איז ראוי מיר זאלן פרובירן זיך אביסל פארטיפן אין די קשר צווישן די מצוה פון ענטפערן אמן און די מצוה פון זיצן אין סוכה, און אויך אפלערנען פון דעם אויף די באזונדערע באציאונג וואס מיר דארפן אפגעבן פאר די מצוה פון ענטפערן אמן.

צום ערשט, אזוי ווי זיצן אין סוכה "בצילא דמהימנותא" שטארקט די אמונה אין אונזערע הערצער, אזוי אויך ענטפערן אמן איז געמאכט געווארן צו פארשטארקן די אמונה אין אונזערע הערצער, אזוי ווי רבנו בחיי אין מאריך אין זיין פירוש אויף תורה (שמות יד לא). נאך: די סוכה באשטייט פון ווענט וואס אויף זיי לייגט מען סכך, און אין די צייט וואס "סכך" וואס איז גימטריה 100 איז א רמז אויף די מאה ברכות וואס מיר זענען מחויב צו זאגן יעדן טאג, איז "סוכה" וואס איז גימטריה אמן א רמז אויף אמן. דאס קומט אונז צו לערנען, אז אזוי ווי דער 'סכך' ליגט אויף די סוכה, אזוי רוהט די ברכה און איז באזירט אויף די אמן, און דאס האלט איר אונטער.

ווען עס ענדיגט זיך יו"ט סוכות, אין דער טאג פון 'שמחת תורה' רופן מיר אויס דעם 'חתן בראשית' ער זאל אנהייבן די תורה פון דאסניי מיט א 'רשות' וואס מיר זאגן: "אמן יענו אחריך הכל מהרה". עס זעהט אויס אז דאס איז אזא סארט רוף פארן ציבור: נאכדעם וואס אין לויף פון יו"ט סוכות האבן אייך מהדר געווען אין מצות סוכה און מיט דעם אריינגעברענגט אמונה אין הארץ, מאכט זיכער אז איר וועט ווייטער פארשטארקן די אמונה אין הארץ דורך די מצוה פון ענטפערן אמן.

אויף דעם זעלבן נוסח פון דער פייטן וואס רופט: "בל תהי מצות סוכה בעיניך קלה - כי כנגד כל מצוות דת חוקותיה שקולה", וועל איך ענדיגן דעם ארטיקל מיט א רוף צו אלע טייערע ליינער: "בל תהי מצות אמן בעיניך קלה!"; דערנאך וואס האסט זיך געלערנט צו האלטן טייער און חשוב מצות סוכה וואס ווערט אנגערופן אין גמרא (ע"ז ג א) "מצוה קלה", לערן דיך צו האלטן טייער און חשוב און מקיים זיין מיט שמחה און הידור די מצוה פון ענטפערן אמן וואס אירע סודות זענען אומפארשטענדליך טיף, און די יסוד האמונה איז די צענטראלער פונקט פון דאווענען.

אויב מיר וועלן משתדל זיין צו זיין א 'צדיק שומר אמונים', וועט זיכער ה' צוהערן אונזער בקשה אזוי ווי די נוסח הבקשה וואס מיר זאגן הושענא רבה: "תענה אמונים שופכים לך לב כמים", און וועט אונז שענקען א פרייליכע און גליקליכע לעבן. אמן ואמן.

**מיט א רוף "אמן יענו אחריך הכל מהרה"**

**א פרייליכן יו"ט**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א ברכה וואס איז פארענדיגט געווארן דורך א תפילה

הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואלד זצוק"ל, וואס איז באקאנט מיט זיין טיטל 'צעהלימער רב', איז געווען פון די גדולי הפוסקים און פון די וואס האבן באפעסטיגט די כשרות אויף די אמעריקאנער באדן אינעם דור פון נאכן חורבן. ער איז געווען פארנומען מיטן טוהן פארן כלל, אבער ווען אין איין טאג האט דער טעלעפאן געקלונגען ביי אים אין שטוב, און אויפן צווייטן זייט פון דער ליניע האט ר' הערשל, דער מנהל פון די אידישע מושב זקנים 'בישישם חכמה' אין באסטאן, אים געבעטן אז ער זאל קומען באזוכן א אלטן איד מיטן נאמען ר' בערל וואס עטליכע טעג בעהט ער זיך ביי אים ער זאל פארבעטן דעם רב זאל קומען רעדן מיט אים איבער א דרינגנדן ענין וואס ער קען נישט אפשטופן, האט דער רב נישט געקענט אפזאגן.

"איך האב געוואלט בעהטן דעם רב א מאדנע און אומגעוועגליכע בקשה", האט דער מענטש אנגעהויבן זאגן ווי נאר דער גרויסער גאסט האט זיך אוועקגעזעצט אין זיין צימער, "אבער כדי דער רב זאל מיך פארשטיין, מוז איך פריער דערציילן א מעשה וואס איז געשען מיט מיר אין מיין היימשטאט אין אונגארן, מיט איבער אכציג יאר צוריק, ערב יו"ט סוכות, ווען הגה"צ רבי הלל קאלאמייער זצ"ל איז געקומען צו אונזער שטעטל און געוואלט פארברענגען מיט אונז דעם גאנצן יום טוב.

מיר, די ערליכע אידן, זענען - ווי פארשטייט זיך - געווען זייער פרייליך צו הערן די גוטע בשורה. רבי הלל איז געווען איינער פון די חשובע רבנים אין אונגארן, און זיין קומען איז פאר אונז געווען א גרויסער כבוד. אבער, עס


רבי לוי יצחק גרינוואלד פון צעהלים זצ"ל

זענען געווען אזעלכע אין אונזער שטעטל, וואס האבן נישט געקוקט מיט א גוטע אויג אויף דעם וויזיט, און נישט אומזיסט, רבי הלל איז געווען באקאנט אלס א לוחם מלחמות ה', ווען ער האט פארגעזעצט די וועג פון זיין רבי'ן דעם 'חתם סופר' אין אפהיטן די ריינע אידישע טראדיציע. זיין מלחמה מיט די רעפארמער און נעאלאגן האבן אים געברענגט אסאך שונאים. אין אונזער שטעטל זענען אויך געווען אזעלכע, נו, ווען מען האט זיך דערוואוסט אז דער קאלאמייער רב איז געקומען פייערן דעם יום טוב אין אונזער שטאט, האבן זיי באשלאסן עס אפהאלטן פאר יעדן פרייז.

איינער פון זיי, א ברייט ביינעריגער און א הויכער מענטש און א עז פנים, האט זיך דערוואגט צוגיין צו די אכסניא פון רב און האט אים אזוי געזאגט מיט גרויס חוצפה: 'דער רב זאל וויסן, אז ער איז א אומגעוואונטשענער גאסט אין אונזער שטעטל, מיר ווייסן אז דער ציל פון די באזוך איז צו אויפרייצן די איינוואוינער קעגן אונז, און מיר וועלן דאס נישט צולאזן. דערפארווארענען מיר, אויב דער רב וועט היינט נישט פארלאזן דאס שטעטל, זאגן מיר צו אז מיר וועלן צוברעכן דעם רב'ס סוכה נאך היינט נאכט, אז עס וועט נישט בלייבן איין גאנצע ברעט דערפון!'.

דער רב, וואס איז טאקע געווען א גיבור מלחמה, האט זיך אבער דערשראקן ווען ער האט געהערט די ווערטער, האט ער דערציילט פאר די גאסטגעבער די ווארענונג וואס ער האט באקומען, און זיי וואס האבן גוט געקענט די פאברעכן פון יענע שלעכטע גרופע האבן זיך נאכמער דערשראקן...

אבער נישט איך, וואס אין יענע טעג בין איך געווען א בחור אין עלטער פון צוואנציג יאר; דער אויבערשטער האט מיך געבענטשט מיט א הויכן און שטארקן קערפער און מיט גרויסע פיזישע כוחות, בין איך צוגעגאנגען צו רבי הלל קאלאמייער און אים געזאגט: "דער רב זאל זיך נישט זארגן, נאר ביטע איבערבלייבן אין אונזער שטעטל אויף גאנץ סוכות, און איך זאג צו אז איך וועל נישט איבערלאזן דעם רב און די סוכה אגאנץ סוכות. מיט מיין קערפער וועל איך אכטונג געבן אויפן רב און אויף די סוכה, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט קיין שלעכט'ס נישט געשעהן".

הערנדיג מיינע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן מיט א זיכערקייט, האט זיך דער רב בארואיגט, און נאכן מיך באטראכטן פון קאפ ביז פוס א לאנגע צייט, האט ער אויסגעדריקט זיין הסכמה צו בלייבן דארט.

פון יענע מינוט און ווייטער האב איך נישט אפגעלאזט דעם רב אויף א מינוט. יו"ט ביינאכט, ווען דער רב איז געשלאפן אין סוכה, בין איך געשטאנען אינדרויסן אויפן וואך.

עס זענען אדורך עטליכע שטילע שעה'ן, ביז פלוצים האט זיך דערהערט א שטיקל גרודער, און גלייך נאכדעם האב איך באמערקט דעם הויפט פון די שלעגער וואו ער דערנענטערט זיך צו די סוכה מיט א שווערן האמער אין דער האנט. ער האט שוין אויפגעהויבן די האמער אויף די ריכטונג פון די סוכה, אבער ער איז גלייך פארפרוירן געווארן אויף זיין ארט ווען איך האב צו אים געשריגן: 'בלייב שטיין!!!'.

ער האט א קוק געטוהן מיט שרעק אויף דעם שטארקן געשטאלט וואס האט זיך פלוצים באוויזן צו אים פון דער פינסטערניש, איך האב אויסגענוצט זיין שרעק און אים געוואונקען מיט מיינע פויסטן און אים געזאגט מיט א דונער'נדיגע שטימע און אין א שרעקעדיגן טאן: 'זאלסט וויסן, און איך ווארן אויך דיינע חברים, אז אויב איינער פון ענק וועט זיך דערוואגן אנרירן דעם רב אדער זיין סוכה, וועט ער גוט פילן מיינע פויסטן!'

מער פון דעם האב איך נישט געדארפט. טראץ די דרייסטקייט פון יענע יונגען, האבן זיי זייער גוט געוואוסט אז מיט 'שמשון הגיבור', ווי מען האט מיך גערופן אין מיין שטעטל, איז נישט כדאי צו טשעפען. און אזוי, דעם גאנצן יום טוב סוכות, האב איך נישט אפגעלאזט דעם רב, און די ווילדע יונגען האבן זיך נישט געוואגט צו דערנענטערן אהין.

נאך יום טוב, ווען דער רב האט געזאלט צוריק פארן צו זיין שטאט, האט ער מיך גערופן, און מיך באדאנקט און ווארעם געוואונטשן אז איך זאל זוכה זיין צו א אויסטערלישע אריכות ימים מיט געזונט, און קיינער פון מיינע קינדער זאלן נישט שטארבן אין מיין לעבן".

און יעצט איז רבי בערל צוגעקומען צו די פונקט פארוואס ער האט מטריח געווען דעם צעהלימער רב אים קומען באזוכן:

"ברוך ה', איך בין געזונט און איך האב זוכה געווען צו אריכות ימים", האט דער אלטער געזאגט, "כאטש איך זעה אויס יונג אקעגן מיין עלטער, בין איך שוין העכער הונדערט און פינף יאר, אבער מיין הארץ ווייטאגט אויף מיין עלטסטער זון, וועלכער וואוינט אויך דא אין דער אלטער היים, ער איז 'אינגאנצן' פינף און אכציג יאר אלט, אבער נישט ווי איך, ער ליידט פון ערנסטע קראנקייטן און פלאגט זיך מיט שווערע און ביטערע יסורים, עס איז מיר קלאר, אז ער לעבט נאר צוליב די ברכה פון דעם קאלאמייער רב אז מיינע קינדער וועלן נישט שטארבן אין מיינע יארן, דעריבער בעט איך דעם רב זאל דאווענען צו השי"ת און אים זאגן אז איך זאג זיך אפ פון די ברכה פון דעם קאלאמייער רב, און וויל שוין שטארבן, כדי מיין זון זאל באפרייט ווערן פון דער וועלט אן קיין ביטערע יסורים...".

דער צעהלימער רב, וועלכער איז דערשראקן געווארן צו הערן די בקשה, האט זיך פארטראכט אויף א מינוט און דערנאך געענטפערט מיט חכמה:

"רבי בערל, אנשטאט צו דאווענען אז דו זאלסט שטארבן, וועל איך דאווענען אז דיין זון זאל געזונט ווערן, און אזוי קענט איר ביידע מאריך ימים זיין אזוי ווי די ברכה פון רב הלל קאלאמייער".

ער האט זיך נישט בארואיגט ביז ער האט געזען מיט די אייגענע אויגן ווי דער רב דאוונט מיט טרערן אז זיין זון זאל געזונט ווערן, און ערשט דעמאלט האט ער זיך געזעגנט לחיים ולשלום.

פופצן יאר שפעטער האט זיך ווידער געהערט די אויפגעציטערטע שטימע פון ר' הערשל, דער מנהל פון דער אלטער-היים, דורכ'ן טעלעפאן אין די הויז פונעם צעהלימער רב. מיט א גערירטע שטימע און מיט קורצע ווערטער האט ער דערציילט דעם רב די ענדע פון דעם וואונדערליכן מעשה:

"פאר א קורצע צייט צוריק איז ר' בערל ווייס נפטר געווארן אין די אלטער-היים, אין עלטער פון הונדערט און צוואנציג יאר, אבער געזונט און קלאר ביים דעת ווי א יונג בחור'ל. און ארום א האלבע שעה שפעטער איז אויך זיין זון נפטר געווארן, אויך ער האט זוכה געווען צו געזונט און א אריכות ימים - ער איז געווען ביי זיין פטירה ארום הונדערט יאר אלט, בחייהם ובמותם לא נפרדו, ויהי הדבר לפלא.

גהערט פונעם שריפטשטעלער
הרב יאיר וויינשטאק שליט"א
וואס האט עס געהערט איש מפי איש פון
צעהלימער רב זצ"ל

# "אַזְמִין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין, אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד"

**אין ספר 'פרי עץ חיים' (חג הסוכות פרק ד) שרייבט רבי חיים וויטאל איז דיווארט 'סכה' איז גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'. און אסאך איז שוין טאקע געשריבן געווארן אויף די קשר צווישן 'סכה' - וואס ווערט אנגערופן אין זוהר הקדוש (אמר קג א) "צלא דמהימנותא" צו די מצוה פון ענטפערן אמן.**

**דער קשר דערקענט זיך אויך אין דער קשר וואס איז דא צווישן די זיבן אושפיזין און די דערהויבענע מצוה. פאלגנד האבן מיר צוזאמגענומען געדאנקען פון די הייליגע ווערטער פון די מאורי הדורות איבער די סודות פון די שבעת הרועים וואס קומען זיין מיט אונז אין די שאטן פון די אמונה - אין אונזער הייליגע סוכה, וואס זענען פארבינדן צו די ענינים פון זאגן ברכות און ענטפערן אמן נאך זיי.**

## אַבְרָהָם אָבִינוּ

**בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ אַבְרָהָם אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

אברהם אבינו האט געענטפערט אמן נאך די ברכה פון ה' ביי די ברית בין הבתרים אז זיינע קינדער וועלן זיך פארמערן ככוכבי השמים, און אויף דעם איז געזאגט געווארן (בראשית טו ו): "והאמין בה' ויחשבה לו צדקה"; "האמין" איז א לשון הפעיל, ד.מ. אז ער האט אריינגעגעבן אין די קומענדיגע דורות די מצוה פון ענטפערן אמן, און הקב"ה האט עס גערעכנט פאר א "צדקה" ('בית אברהם' [פון ר"א קרייזווירטה] לך לך).

## יִצְחָק אָבִינוּ

**בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ יִצְחָק אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

אויף יצחק אבינו שטייט (בראשית כה כא): "ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו כי עקרה הוא", דרש'ענען די חכמים (ב"ר סג ה): "זה עומד בזוית זו ומתפלל וזו עומדת בזוית זו ומתפללת". ווייל רבקה האט געוואוסט אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (ברכות נג ב) האט זי נישט אליינ'ס געדאווענט, נאר געשטאנען אין ווינקל פון צימער, צוגעהערט די תפלה פון יצחק און געענטפערט נאך אים 'אמן'. אויך אין דער פסוק אליינ'ס טרעפן מיר א רמז אויף דעם, ווייל די ראשי תבות "אשתו כי עקרה" איז גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן' ('דברי ישראל' תולדות).

## יַעֲקֹב אָבִינוּ

**בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ יַעֲקֹב אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

ווען ער איז געשלאפן אין הר המוריה איז פאר יעקב אנטפלעקט געווארן דער סוד פון ענטפערן אמן. דערפאר ווען ער האט זיך אויפגעוועקט פון זיין שלאף האט ער געזאגט (בראשית כח יז): "וזה שער השמים", ווייל די חכמים זאגן דאך (שבת קיט ב) "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן" ('מגלה עמקות' וישב). אויך זיין נאמען איז א באווייז אויף דעם: יעקב איז גימטריה צוויי מאל 'אמן', און אמאל שטייט "יעקוב" מלא מיט א ווא"ו, און דעמאלטס איז עס גימטריה: 'אמן ואמן'" ('עשרה מאמרות', מאמר חקור דין ב טו). אויך די גאנצע הנהגה פון יעקב אבינו איז געווען אין דער סוד פון ענטפערן אמן ('מאור ושמש' ויגש), די פאקט איז אויך מרומז אין דער פסוק (שם לג יז): "ויעקב נסע סכותה", און 'סכה' איז דאך גימטריה 'אמן' ('סוכה נאה' סוכה לח ב).

## מֹשֶׁה רַבֵּנוּ

**בַּיּוֹם הָרְבִיעִי אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ מֹשֶׁה אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

אויף ענטפערן אמן זענען מיר באפוילן געווארן דורך משה. ווייל אזוי דרש'ענען די חכמים דעם פסוק (דברים לב ג) "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו" ('ילקוט שמעוני' האזינו רמז תתקמב): "משה רבינו האט אזוי געזאגט פאר די אידן: ווען איך וועל דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען אים צו לויבן, זאלט איר צוהערהער 'הבו גודל לאלקינו' - מיט ענטפערן אמן".

## אַהֲרֹן הַכֹּהֵן

**בַּיּוֹם הַחֲמִישִׁי אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ אַהֲרֹן אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

אהרן און זיינע קינדער זענען באפוילן געווארן צו בענטשן די אידן יעדן טאג (במדבר ו כג), און מיר זענען באפוילן געווארן ענטפערן אמן אויף זייער ברכה. א וואונדערליכן רמז אויף ענטפערן אמן טרעפן מיר אין איינע פון די בגדי כהן גדול דאס איז די אפוד - 'אפוד' איז גימטריה אמן. העכער די אפוד איז געווען דער 'חשב האפוד' א רמז אויף ענטפערן אמן מיט כוונה און מחשבה ('דברי שמואל' [פון רר"ש מניקלשבורג] תצוה).

## יוֹסֵף הַצַּדִּיק

**בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ יוֹסֵף אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

יעקב אבינו האט אנטפלעקט פאר יוסף הצדיק די סוד פון אמן, אזוי ווי עס איז מרומז אין די סופי תיבות פון דער פסוק (בראשית לז ג): "בן זקונים הוא", דערפאר איז יעקב אלט געווען 19 יאר ווען יוסף איז געבוירן. יוסף הצדיק איז פאראנטווארטליך אויף די טויערן פון גן עדן, וואס די חכמים האבן מגלה געווען (שבת קיט ב) אז זיי עפענען זיך פאר די וואס ענטפערן אמן ('מגלה עמוקות' וישב).

## דָּוִד הַמֶּלֶךְ

**בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי אוֹמֵר: בְּמָטֵי מִנָּךְ דָּוִד אֻשְׁפִּיזִי עִלָּאֵי דְּיָתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אֻשְׁפִּיזֵי עִלָּאֵי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:**

דער פסוק זאגט (שמואל ב' כו א): "ואלה דברי דוד האחרונים נאום דוד בן ישי ונאום הגבר הוקם על" - 'על' איז גימטריה מאה. אין די צייטן פון דוד המלך איז געווען א גזירה אז עס זענען געשטארבן יעדן טאג הונדערט מענטשן, האט ער מיט זיין רוח הקודש מייסד געווען מען זאל זאגן יעדן טאג מאה ברכות, און די מגיפה האט זיך אויפגעהערט (במ"ר יח כא). און אויף דעם איז מרמז די 'סכך' וואס איז גימטריה מאה, אז די מאה ברכות באשיצן און געבן אכטונג דעם מענטש. און דערפאר שטייט די 'סכך' אויף די 'סכה' וואס איז גימטריה אמן, ווייל די קיום פון די ברכה איז דורך ענטפערן אמן, ('אור יצהר' ימים נוראים, פתח דבר עמ' כד).

אזוי אויך דערמאנט דוד המלך די חוב פון ענטפערן אמן זאגנדיג (תהלים קו מח): "ברוך ה' אלקי ישראל מן העולם ועד העולם ואמר כל העם אמן", דאס איז טייטש אז ווען עס ווערט געהערט א ברכה וואס ווערט געזאגט פאר ה' אלקי ישראל, איז א חוב אויף דאס פאלק צו ענטפערן אמן ('חכמת שלמה' [פון הגר"ש קלוגער] או"ח רטו א)

# פְּנִינֵי אֱמוּנִים

פנינים לחג הסוכות

## דער עולם הזה איז א דירת עראי

דער **חיד"א** שרייבט אז מצות סוכה איז משלים די פראצעס פון תשובה וואס מיר האבן אנגעהויבן אין די ימים הנוראים. ווייל ארויסגיין פון א קביעות'דיגע דירה צו א צייטווייליגע וואוינונג לערנט דעם מענטש צו קוקן אויף דער וועלט מיט א ריכטיגע בליק, און דערמאנט אים זיך אפטשעפענען פון זיין פארמעגן און נישט אינוועסטירן אין צייטווייליגע קנינים, נאר אין נצחיות'דיגע זאכן, וואס דאס זענען תורה און מצוות.

האדמו"ר **רבי דוד מטאלנא** לייגט צו אז דער דערהער איז מרומז אין די רייד פון די חכמים (סוכה ב א): "צא מדירת קבע ושב בדירת ארעי"; נעם ארויס פון דיין הארץ דעם טעות וואס האט זיך אין דיר איינגעווארצלט אז מען דארף באהאנדלען דעם וועלט ווי א דירת קבע, און נעם אריין אין דיין קאפ אז עס איז נאר א דירת עראי.

מיט דעם ערקלערט **רבי משה פיינשטיין** דעם לשון הפיוט (שחרית יום ב' דסוכות): "בל תהי מצות סוכה בעיניך קלה כי כנגד כל מצוות דת חוקותיה שקולה". ווייל דער דערמאנטער יסוד וואס מען לערנט פון מצות סוכה איז דער שורש און יסוד פאר אלע מצוות. וואס מער א מענטש אנערקענט אז דער וועלט איז א ארעי"דיגער וועלט, אלס מער איז ער משקיע אין תורה און מצוות, און פארמיידט זיך אויס צו פארברענגען זיין צייט מיט גשמיות'דיגע פארמעגן אין א צייטווייליגע וועלט.

'שמחת הרגל' לימוד א' לחג הסוכות; 'כנסת דוד' עמ' כו; 'דרש משה' דרוש כב

## אמונה – דער יסוד פון מצות סוכה

דער **'שפת אמת'** ערקלערט אז דער יסוד פון מצות סוכה איז איינווארצלען די אמונה אין השי"ת. דערפאר ווען דער מענטש זאמלט איין די תבואה פון פעלד באפעלט די תורה ער זאל ארויסגיין פון זיין שטענדיגע דירה און זיצן אין א צייטווייליגע סוכה, כדי דערמיט זאל ער געדענקען אז ער האט נישט וואס זיך צו פארלאזן אויף זיין עשירות נאר אין השי"ת אליין.

וועגן דעם האבן חז"ל אויך מתקן געווען זאגן די בקשות "הושענא" ביי די הקפות אין יו"ט סוכות, כדי איינווארצלען אין הארץ פונעם מענטש, ער זאל זיך נישט פארלאזן אויף זיין כח און פארמעגן, נאר אין השי"ת אליין. אזוי אויך די מצוה פון ניסוך המים אין סוכות איז מרמז דעם מענטש ער זאל אויסגיסן דאס הארץ ווי וואסער מיט א תפילה און געבעהטע.

מיט דעם טייטש דער אזורובער רבי בעל **'באר משה'** דעם לשון הפייטן (שחרית יום ב' דסוכות): "בל תהי מצות סוכה בעיניך קלה כי כנגד כל מצוות דת חוקותיה שקולה"; פון וואו האט דער פייטן געלערנט אז מצות סוכה איז אזוי ווי אלע מצוות? נאר די מצוה פון אמונה איז כולל אין זיך אלע מצוות, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קיט פו): "כל מצותיך אמונה" (ראה ח"א מהרש"א מכות כד א), דערפאר איז מצות סוכה וואס איר יסוד איז אמונה אזוי ווי אלע מצוות.

'שפת אמת' לסוכות תרמ"ה; 'באר משה' אמור עמ' תעא

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים' אין שפיץ פון דער מזכה הרבים אויף דער גאנצער וועלט הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

פון הימל זאלט איר געבענטש ווערן מיט ברכות אויף אייער גרויסן און הייליגן פאבריק, און פארן ערליכען גליון וואס איז מוקדש צו פארשטארקן די מצוה פון אמן.

אויף די מעלות און סגולות פון די מצוה פון ענטפערן אמן איז נאר איבריג צו רעדן, אין ספרי חז"ל - אין גמרא, מדרשים און אין ספר הזוהר הקדוש, האבן שוין די חכמים מאריך געווען צו שילדערן דעם גרויסן שכר פון דער וואס ענטפערט אמן, און פון דער אנדערער זייט די הארבקייט פון די זינד פון די וואס זענען נישט געווארנט אויף דעם, אויך אין די ספרים פון די גדולי הראשונים און אחרונים איז קענטיג וויפיל זיי האבן געהאלטן טייער די מצוה.

און יעצט וויל איך אייך שרייבן א וואונדערליכן רמז וואס עס איז מיר איינגעפאלן אויף די מעלה פון ענטפערן אמן, דער לשון פון די וואונטש וואס מען וואונטשט זיך געווענליך איינער דעם אנדערן נאך יום כיפור: "פתקא טבא", זענען די ראשי און סופי תיבות [פ,א,ט,א] גימטריה 'אמן'. אויב אזוי, צ"א ולמד אז די זכות פון ענטפערן אמן העלפט פאר דער וואס געבט אכטונג אויף די מצוה זוכה צו זיין צו א "פתקא טבא".

**מיט א ברכת כהנים באהבה**
**גמליאל הכהן רבינוביץ**
מח"ס 'גם אני אודך'
און 'פרדס יוסף החדש' על המועדים

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

אמן און ברכות אין די ווערט פונעם בעל הילולא



די אידישע בית הקברות אין מנטובה

## הרמ"ז

### ט"ז תשרי תנ"ח

רבי משה זַכּוּת איז געבוירן צו זיין פאטער רבי מרדכי אין יאר שפ"ה אין אמסטערדאם, שוין אין זיינע קינדערישע יארן האט מען געזעהן אז ער וועט אויסשטייגן זייער גרויס. נאכן לערנען תורה פון רבי שאול מורטירא דער אמסטערדאמער רב, איז ער געגאנגען קיין פוזנא וואס איז אין פוילן וואו ער האט געלערנט תורה ביי רבי יצחק פון פוזנא, און דערנאך קיין איטאליע, וואו ער האט געלערנט קבלה פון רבי בנימין הלוי, א תלמיד פון רבי חיים וויטאל.

אנגעהויבן פון יאר ת"ה האט הרמ"ז געדינט אלס רב אין ווענעציע, און נאך אכט און צוואנציג יאר, אין יאר תל"ג, איז ער גערופן געווארן צו דינען אלס רב פון מנטובא. דעם צווייטן טאג פון יו"ט סוכות ה"א תנ"ח, איז הרמ"ז נסתלק געווארן אין מאנטובא און דארט באערדיגט געווארן.

אויסער דעם וואס ער איז באקאנט געווארן אין אלע דורות מיט זיין פירוש אויפן ספר הזוהר און נאך אנדערע חיבורים וואס ער האט מחבר געווען, האט הרמ"ז אויך זוכה געווען אויפשטעלן אסאך תלמידים. און אזוי שילדערט זיין תלמיד רבי בנימין הכהן וויטאלי [הרב"ך] אין זיין הספד וואס ווערט געברענגט אין זיין ספר 'גבול בנימין' (ח"ב דרוש מ"ח): "דער צדיק וואס מיר זענען יעצט מספיד, איז געווען א איש שהכל בו; אין מקרא, ער איז געווען א בקי אין די פסוקים איבערהויפט אין חכמת הדקדוק, עס איז נישטא אין זיין גלייכן אין משניות וואס ער האט געקענט בעל פה און אויך מחדש געווען חידושים ווי באקאנט, ער איז געווען בקי אין אלע מדרשים, און געזאגט שיינע דרשות און דברי הגדה וואס דערקוויקן דאס הארץ. אויך אין גמרא איז ער געווען בקי און עוקר הרים אין זיין פלפול. און מער פון אלעס אז ער איז געווען א גרויסער מקובל וואס האט מחדש געווען עטליכע זאכן אין די מאמרי הזוהר געבויעט לויט די ריכטיגע הקדמות פון דער אר"י ותלמידיו".

## ברכות השחר פאר אנדערע

אין זיין פירוש אויפן זוהר (ווילך רפה ב) זאגט הרמ"ז עדות אויף זיך אז ער האט זיך געפירט צוהערן יעדן אינדערפרי' ברכות השחר פון די מתפללים אין זיין בית המדרש כדי משלים די טעגליכע צאל פון ענטפערן ניינציג אמנים אויף ברכות, און לייגט צו אז דער מנהג איז א "מנהג ותיקין בארץ ישראל, וגם הרב פסקו בשלחן ערוך (או"ח ו ד)".

## ברכה, טובה און שמחה

דער זוהר הק' (שם) שרייבט: "ווען די אידן אונטן געבן אכטונג צו ענטפערן אמן און אינזין האבן אזוי ווי עס דארף צו זיין, וויפיל טויערן פון **ברכות** עפענען זיך אויבן, וויפיל **טוב** געפונט זיך אין אלע עולמות, וויפיל **שמחה** איז דא איבעראל".

הרמ"ז אין זיין פירוש אויפן זוהר ברענגט א רמז אויף די ווערטער פון זוהר אז ענטפערן אמן מיט כוונה איז מעורר די דריי גוטע זאכן: ברכה, טובה און שמחה, ווייל אמן מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן] איז גימטריה צוויי הונדערט זיבן און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון די ווערטער: ברכה, טובה, גילה [ד.מ. שמחה].

## עפענען די טויערן פון תפילה

אויף דעם זוהר הק' וואס זאגט (שם) אז די תפילה פון דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגענומען, ערקלערט הרמ"ז: "ווייל זייער מויל איז געהייליגט געווארן מיט ענטפערן אמן און מיט כוונה, דערפאר די הבל פון זייער מויל גייט ארויף און שפאלט אלע מחיצות".